# ליטעראַטור מיט אַ תכלית... אָבער ליטעראַטור

## (צום 30־יעריקן יובל פון „בונד“)

ישראל שטערן / וואַרשע

וואָס אינטערעסירט דעם יידישן דיכטער קודם־כּל אין אַ ידישער פּאַרטיי? פאַרשטייט זיך, פריער פון אַלץ האַלט ער אין אויג איר באַציונג צו דער יידישער ליטעראַטור.—פּאַרטייען האָבן מיר צווייערליי: מימין ומשמאל. איז אָבער שטאַרק כאַראַקטעריסטיש: מיט איינע פון זיי קען דער יידישער ליטעראַט אָפּלעבן זיינע יאָרן אין נחת און פריידן. ער וועט נישט הערן פון זיי קיין איינציק שלעכט וואָרט. מיט די צווייטע — דאַרף ער זיך אָפּט אַרומרייסן, פּאָלעמיזירן, האָבן פאַרדרוס, עלן איבערצייגן. אָבער דוקא אָט די קריגערייען און אַמפּערישן שאַפן אינטימקייט, פריינטשאַפטלעכע פאַרשטענדיקונג, קאָנטאַקט, ווייל ביידע צדדים שפּירן, אַז איינער איז דעם צווייטן נאָדערפטיק.

איך קלער מיר אָפּט: זאָלן קומען מאַנכע פון אונזערע רעכטע מיט פּרעטענזיעס, אַז אונזערע קינסטלער פאַרנעמען זיך צו קנאַפּ מיט רעליגיעזע מאָטיוון. זאָלן קומען אַנדערע פון אונזערע רעכטע מיט טענות צו דער יידישער דיכטונג, אַז אין איר זענען פאַראַן צו ווייניק נאַציאָנאַלע ציילן און טענדענצן. אָבער ניין! אַזעלכע אַרטיקלען באַגעגנט מען זייער זעלטן, און דאָס אויך נאָר פון מענטשן זייטיקע, צו קיין פּאַרטיי נישט אָנגעהעריקע.

אויב דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור קומט אויס צו הערן שטרענגע פאָרווורפן, איז עס נאָר מצד די לינקע, אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע זענען עס די עקסטרעם־לינקע, וועלכע ווילן מיט אַלע כּוחות אַריינעמען דעם ליטעראַט אונטער זייער השפעה. ביי אונז אין פּוילן באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז די לעגאַלע פּאַרטיי „בונד“ איז די איינציקע, וועלכע לאָזט נישט דורך קיין שום געלעגנהייט, ווו זי קען אַרויסרוקן תביעות און טענות צום דיכטער. זי טוט עס בעטנדיק, זי טוט עס שטראָפנדיק, נאָר זי מאָנט, זי פאָדערט.

מוז מען מודה זיין, אַז מיר אין פּוילן געפינען זיך אין אַ גליקלעכערער לאַגע ווי אונזערע קאָלעגן שריפטשטעלער אין מאָסקווע און אין ניו־יאָרק. מיט יענע פריידיקער און מוכיחים איז אַ שווער שטיקל אַרבעט. זיי ווילן דער דיכטונג אינגאַנצן באַרויבן איר זעלבסטשטענדיקייט. זיי באַמיען זיך, זי זאָל פאַרשקלאַפט זיין, אין דער צייט ווען אמתע וואָרט־קונסט מוז אַליין פ אַ ר ש ק ל אַ פ ן... איך בין אויך נישט קיין אָנהענגער פון סתם זינגערייען און זאָגערייען. עס מוז זיין הייסער דראַנג, לעבעדיקע שטרעבונג. אויב מען וויל, אַ וואָרט זאָל נשמה האָבן, אַ בילד זאָל באַוועגונג האָבן. אויב נישט— ווערט אַ ליד און אַ דערציילונג שאַבלאָניק־נודנע. שרצדיק־קאַלט אפילו מען זינגט דאָרט וועגן שריפות אין רעוואָלוציעס. און דאָס פאַרגעסן די פּאַרטייאישע חתימה־לייגער, זיי באַגרייפן נישט, אַז ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, איז אויפריכטיקע קונסט מלביש אין אָנזעעווודיקע און ממשותדיקע געשטאַלטן די אַלע געהיימע באַגערן, וועלכע ציטערן אין שויס פון דער צייט. זי איילט־צו זייער רעאַליזירונג...

צי קען מען האָבן צוטרוי צו מענטשן, וואָס פאַרשטייען דאָס נישט? גאָר קנאַפּ. נאָך מער וואַקסט דער אומצוטרוי, ווען איר ווערט געוואָר, אַז אין אָט די דאָזיקע קרייזן איז דאָ אַ טענדענץ טיף אַראָפּצוקוועטשן די חשיבות פון יידיש, ווען איר ווייסט, אַז די דאָזיקע לייט (וואָס העברעיש איז דאָך ביי זיי טרייף ווי חזיר) באַמיען זיך אויף אַלערליי אופנים איינצושמועסן, אַז יידיש איז גאָרנישט אַזאַ וואַזשנער ענין, און יידישיזם איז ביי זיי איינס פון די שענדלעכסטע זידל־ווערטער. איר האָט דעם איינדרוק, אַז צווישן דעם פאַרלאַנג אָוועקצושטעלן די יידישע דיכטונג הינטערן טאָנבאַנק פון זייער קרעמל און צווישן די אָנפאַלן אויף יידיש איז פאַראַן עפּעס אַ שייכות. אָבער אַ שייכות נישט קיין איבעריק סימפּאַטישע. „מיר זענען נישט פאַריידישט, נאָר פאַרמענטשישט“ — דערציילן זיי אונז. טראַכטן מיר זיך: יאָ, נישט אַ יידיש, נאָר מענטשיש, דאָס איז אַ וואָרט אַ פיינס, אָבער אַ וואָרט, וואָס האָט אַ פּנים פון אַ פרעמדן עלעגאַנטן יונגנמאַן, וועלכן איר טרעפט ביי אייך אין צימער, און איר געדענקט גוט, אַז איר האָט די טיר פאַרשלאָסן. ער איז אפילו זייער פיין געקליידט, נאָר פונדעסטוועגן איז ער אייך פאַרדעכטיק...

און ווען פון די זעלביקע קרייזן קומען פאָרווורפן אויפן אַדרעס פון „בונד“, אַז ביי אים איז יידיש אַ פעטיש, ווערט אונז טאַקע דער „בונד“ זייער נאָענט.

אָס באַמיט זיך אויפצוהאַלטן אַ וועכנטלעכע ביילאַגע פאַר ליטעראַטור, אַז זי איז פון די געצייילטע צייטונגען אין פוילן, אָס גיט אָפּ אַזאַ ברייטן פּלאַץ פאַר דער יידישער שול; אַז מיר הערן ווי זיינע קעגנער פון רעכטס און פון לינקס וואַרפן אים פאָר, אַז יידיש איז ביי אים אַ פעטיש,—טראַכטן מיר זיך: אויב ס׳איז אמת, אַז ביי יעדן בונדיסט איז אַ הייליקייט אַ יידיש בוך, אַ יידישע שול, אַ יידיש טעאַטער, אויב דאָס איז אמת,—דאַן —

ווען אין משך פון זיין 30-יעריקער עקזיסטענץ וואָלט ער אויפגעטון נישט מער ווי דאָס, האָט ער שוין אויך אַ סך אויפגעטון...

זאָל דער „בונד" זוכן דיכטונג אַלס מיטל, זאָל ער וועלן ליטעראַטור מיט אַ „תכלית", אָבער ער מיינט ערנסט מיט זיין וועלן ליטעראַטור, יידישע ליטעראַטור.